STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04780

POEZYE

A. M. Kublanov

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Ernest & Gloria Jacobs
in memory of
Herbert Jacobs, Marcus Jacobs & Esther Ostrof

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. מ. קובלאַנאָוו

„פּאָעזיע“

פּאָעמס און ליעדער

Copyright 1935
by
A. M. Kublanov, Rochester, N. Y.

All rights reserved

Printed at The Berger Printng Co.
112 Fullerton St. - AT. 7834
Pittsburgh, Pa.

אינהאלט

ה. נ. ביאליק 3
חזון לילה 4
די תורה 8
חנוכה 9
די מוטער ירושלים 11
לא יבוא עוד שמשך 16
פורים 17
דער טראָפּען רעגען 23
די רעדעל 24
פאר וואס? 28
ציון קאנווענשאן 32
פאַלעסטינא . . } צוויי טעריטאָריעס 34
ביראָ-בידזשאן } 35
הושענא 37
די יונגע הדסה 39
שמי בראשי החרוזות 41
די פוקס אין גאָרטען 45
צו שפּעט 49
די ענטוישטע—ליעד 52
דער פארליעבטער—ליעד 54
מיין לעצטע צייט 56
מיינע זכרונות—ליעד 59

אינהאַלט

צווייטער טייל

אַ מצבה 61

לא בחיל ולא בכח 64

כי אראה שמיך 66

על שבר בת עמי 69

די צואה פון אַ שכור 72

אין שלום אמר ד' 74

בכל עת 77

נאד הדמעות 79

די שיינע מוטער רחל 83

יגעתי באנחתי 87

מיין לעצטע ליעד 89

מיט אַכטונג פּרעזענטירט —
פון א. מ. קובלאַנאָוו



א. מ. קובלאַנאָוו

הקדמה אין גראַמען

מיינע מאַנוסקריפּטען אין דער צייט פון מיין לעבען
אין א פאָרם פון א בוך איבערגענעבען,
איז די ביטע און פערלאַנג פון מיינע קינדער
זיי ווייסען אז עס איז ניט א מאָראַל-ווערק פון „בחיי דעם דין״
אויך ניט „פּאָעזיע״ פון ביאַליק׳ס הימעל פּאַעטישען רעין
עס וועט ניט ארויס רופען א ליטעראַרישען וואונדער!

זיי ווייסען אבער פון א סטרונע אין זייער פאטערס נשמה
וועלכע וויינט פון צרות און זי זינגט פון נחמה
פאר די לעצטע היסטאָרישע פופציג יאהר
די אידעע פון ציון דאמאלסט ערשט געבאָרען
יעצט א פעקטאָר אין אידישען לעבען געוואָרען
און מערשטע פון מיינע פאעמס זיינען הינטערשטעליג א דור

און מיינע קינדער וועלכע פארשטייען מיך, ניט פון נעכטען
אלס דאנק וויל איך זייערע נעמען אין גראמען פלעכטען
באָריס, יוסף, חיים און בתיה
און די אינגערע טעכטער ענע און מאַשאַ
און מיין פרוי די חבר-טע אין לעבען

האָבען געהאָלפען מיר דעם בוך אַרויס געבען

פאַר וואָס איך דאַנק מיט טרעהרען הייסע

אייער פאָטער און מאַן אברהם משה.

נאַציאָנאַלע

ח. נ. ביאליק ע״ה.

אין טיעפען טרויער, די קאָפּ געבויגען,
די הארץ פערקלעמט, טרערען אין די אויגען,
אויף דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער פּאָעט
ווי טייער איז אונז געוועזן זיין לעבען,
מיט ווערטער אונמעגלעך ארויס געבען
אפשר אין ריינע געפיהלען פון א געבעט

אונזער טייערער, ליעבער און געטרייער
דיינע ווערטער געקנאטען אין פירעם פון פייער
צער און צארען געמישט מיט ביטערער גאַל
מיט עקעל, טרערען און גיפט פון שלאנגען
מיט אידעען, מאראל און פארלאנגען,
מיט האפענונג, טרייסט און אידעאל

ליידער! ניט געזעטיגט מיט דיר אונזערע אויגען,
ווי א קאַמעט זיך געוויזען און אוועק געפלייגען
אה! וואס פאר א פערעל מיר האבען פארלארען,
אבער די עפּאָכע פון דיין פרוכטבארען לעבען
אין וועלכער דו האסט אזוי פיל געווירקט און געגעבען
וועט אין דער אייביקייט זיין ווי ניי געבארען.

חזון לילה

קומענדיג אויף דער שעהנער ליכטיגער וועלט
פון מיין מוטערס לייב דעם פינסטערען צימער,
די וויגעלע האט אויסגעוויזען ווי א גרויס געצעלט
וואו איך בין געלעגען אָן זארג, און קומער
מיט ליבע האט מיך די מוטער צום הארצען געדריקט
די נוירס איז פריינדליך ארום מיר געלאפען
איך האב זיך נאך ניט רעכט ארומגעקוקט
הערט נאָר! וואס מיט מיר האט זיך געטראפען

ליגענדיק אין מיין זיסען שלאָף
ריין ווי גאָטעס מלאך אהנע זינד,
האט מען מיך געבונדען ווי א שאָף.
איך האב געוויינט—איך אומשולדיג קינד,
מיט אמאהל האב איך א וויטאג ערליטען
און מיר איז געוואָרען זייער ניט גוט,
מיר דאַכט זיי האָבען א שטיק פלייש אָפגעשניטען
מיין קיסען איז געוואָרען איינגעפלעקט מיט בלוט.

באַלד האב איך געהערט גלעזער קלינגען

און א טומעל שרייענדיג לחיים, לחיים
מיט שמחה האבען זיי געטאנצט און געזונגען,
עס האט זיך געהערט עד לב השמים
נאר איך ליעג נעבאך אין פילע שמערצען
אין בלוט זיינען איינגעשמירט מיינע פיס
און די מוטער מיינע דריקט מיך צום הארצען
געבענדיק מיר אין שטערען א קוש און א קוש

ליגענדיק אין מיין וויג-בעטעל אזוי,
די קאָפּ רוישט, די אויגען נעמען קיין דרעמעל
מיין גאנצער קערפּער טוט מיר וויי
די אויגען אפען געגען הימעל
בעטראכט האב איך מיין לאגע גוט
מוז אזוי פיל ליידען יעדער קינד?
מע שניידט די פלייש, מע זויגט די בלוט
האב איך דען נעטאן אזא גרויס זינד?

אָה גאט! קוק אראָפּ פון דיין הויכען געצעלט
האב איך געשריען מיט מיין לעצטען כח
ערשט אַכט טאג אז איך בין געקומען אויף דער וועלט
און אזוי פיל ליידען, אָה! עס שפּאַלט דער מוח

דערפּארעם זיך אויף מיר גאָט געטרייער
און לאז מיך דא ניט אזוי פילליידען
שיק דיין מלאך המות מיט זיין העליש פייער
און נעם מיך צו אין דיין גן עדן

און א פּליץ האָט געשפּאָלטען דעם הימעל מיט אמאל
מיין צימער איז געוואָרען זעהער ליכטיג
„הער מיין קינד״ האָט מילד גערעדט א קול
„עס איז פאר דיר זעהער, זעהער וויכטיג
„מוזט וויסען מיין קינד דו ביסט געבּאָרען א איד
„אנדערש פון אלע פעלקער אויף דער וועלט
„פון פארפאָלגונג און קלעפּ טאָרשטו ניט ווערען מיד
„און אלע מענשליכע רעכטע וועט זיין דיר פאַרשטעלט
„א אומזיסטע שנאה וועלכע דו ווייסט ניט צו זאָגען
„וועלען אנטקעגען דיר האָבּען אלע לייט
„און דיין בּלוט וועט רינען פון שלאגען און שלאגען
„ביז עס וועט אמאל קומען א צייט . . .
„נאָר יעצט איז די וויגעלע פאר דיר א גרויס געצעלט
„ווען ניט דאָס וואלסטו געוועען צופרידען און שטיל
„אבּער ווערסטו נאר גרעסער איז איינג פאר דיר די וועלט
„און וואו מען וויל דיך ניט וועסטו זיין פול
„אין די אוניווערסיטעטען וועסטו וועלען שטודירען

„א קאַמערציאנט אויף דעם גרויסען וועלט יאַריד

„א לעבּען דורך קאַמפּף וועסטו מוזען פירען

„נאר דערפאר ווייל דו בּיסט אַ איד

„און וואס היינטיגע אָפּעראציע האט צו בּעדייטען

„ענטפערען דיר אויף דעם בּיסטו צו קליין

„אז דו וועסט ווערען גרעסער און האַנדלען מיט לייטען

„וועסטו אַלעס, אַלעס ערפאַרען אליין

נאך דיזע ווערטער האָבּ איך זיך געגעבּען א כאַפּ

אלס אויסגעוואַקסענער מענש זיך בּעטראכט

שאַדע! וואס איך חאָבּ געגעבּען מיין האַנד א קלאַפּ

דאס איז געווען א חלום וואס פּאַרפירט בּיי נאַכט.

די תורה

שטאָלצירען קען איך מיט מיין עלטער
און מיט מיין חכמה פאַר געווים
מיין נאָמען איז גערימט אין אלע ערטער
מען קושט די טריט פון מיינע פים

עס זיינען אפשר דאָ נאָך אזעלכע אַלטע ?
אָבער וואָס פאַר א פנים האָבען זיי !
גראָב, נאַריש, פאַנאַטיש קאַלטע,
אַבינדעל פאַרשימעלטע, פאַרפוילטע היי

איך אָבער ביי די אַלטע יאָהרען
פיל זיך יונג, ניצליך, שטאַרקער פון זיי
ווי אַלט איך בין, אזוי ווי ניי געבאָרען
גלייך מיט דער צייט-גייסט, איך שפאַן און געה

איך בין דער לעהרער, דורות ערצייגען
„צדק ומשפט" האָב איך דער וועלט געגעבען
איך שטאַרק די נשמה, מאַך ליכטיג די אויגען
און דאָס איז דער סוד פון מיין אויביגען לעבען.

חנוכה אין דער צייט
פון וועלט מלחמה

און חנוכה איז דא ווידער
ווי טונקעל די ליכט זי ברענט
און מיינע גלות ברידער
קוים וואס איך האָב זיי דערקענט

זייערע קערפּערס זיינען צושלאָגען
פון יעדער אויג רינט א טרער
איך פרעג זיי זאלען זאָגען
וואס איז דאָ דער מער?

און געוויזען האָבען־זיי מיט וואונדער
ווי דער הימעל איז דארט רויט
דאס שלאגען זיך אונזערע קינדער
איינער דעם צווייטען טויט

דו זעהסט דעם אָפּגאט מולך?
מיט זיין טייוועלשען כאר

ווי זיי אפפערן גאנץ פרוילעך
די קרעפטען פון אונזער דור

און דער שטורעם ברעכט דעם מויער
ברומט, רייסט און פארניכט
בלאזט און פייפט מיט טרויער
לעשט און שמעלצט די ליכט

און די ליכט, אה ווי טונקעל
צאפלען זיך פון רעהר
און בא מיין פריינד אין ווינקעל
רינט פון אויג א טרער

ראטשעסטער, 1916

די מוטער ירושלים
צו איהר זוהן „יודעל סעמיט״

ליבער זוהן, געגומענער פון מיין הארצען
דיין בריף האָב איך בעקומען פון דיר
ער האָט מיר פארשאפט מער פרייד ווי שמערצען
ווייל דו בענקסט נאָך דיין מוטער, נאָך מיר

דעם גערוס פון דעם „פּאַרמעט״ וואָס דו האָסט אָפּגעגעבען
פרייט מיך וואָס דו האָסט איהם אין דיין האַנד
אין די פינסטערע צייטען פון דיין וואַנדער לעבען
שטאָלצירסטו מיט מיין „סגולה״ ווי מיט א טייערען באַנד

אה! מיין קינד, מיין שטאָלץ, מיין קריין
מיין האַרץ וויינט און בענקט נאָך דיר
באַלד צוויי טויזענד יאָהר דיך ניט געזעהען
קום צו דיין מוטער, האָב רחמנות אויף איהר

געדענקסטו חאָץ ווי פיל איך האָב פאר דיר געליטען ?
מעהר ווי טויזענד יאָהר געזעטיגט דיך מיט מילך און האָניג

ביז „אַדריאַנוס״ האָט דיך פון מיין קערפּער אָפּגעשניטען
דאָס קענסטו לעזען אין דיין אידישען כראָניק

פון יענער צייט־אָן ענגבערט מיין לייב ווי ווערים
ווי די וואַלען אין ים שטורעמט מיין קערפּער אינגאַנצען
וואו וואַנדעלט יעצט יודעל מיין קינד אַרום ?
אויף קיין טיגערען טוען אַרום איהם טאַנצען

אויף דו ביסט אינגאַנצען ניט אונטערגעגאַנגען
אין דער אינקוויזיציאָנס צייט פון פערדינאַנד ?
די מיטעלאַלטערישע צייט פון קראָקאָדילען, שלאַנגען
אויף האַלטען דאָס וועסטו זיין אומשטאַנד ?

און די לעצטע יאהרהונדערדיקע סטיסאַקעס
פון דייטשלאַנד דיין בייזער בעל הבית
און די ניט לאַנג געגעבענע קאַצאַפּסקע קולאַקעס
אויף אַלעם אויסהאַלטען וועסטו קענען דאָס ?

מיט אַזוי אַ פאַרזאָרגטען, פערשמאַכטען לעבען
קלאָגט דיין מוטער „ירושלים״ טאָג און נאַכט

די בילדער פון מיין קינד׳ס אומגליק פאר מיר שוועבען
דרום בין איך אזוי פערצווייפעלט, אזוי פערטראַכט

ליעבער קינד! איך וואַרט אויף דיין קומען אלע צייטען
איך וויל זארגען דא דיך צו ערנערען
איך וועל גערען דיך זעהען גלייך מיט לייטען
דיינע צרות, פֿארפאלגונג זאָלען אויפהערען

אין מיינע פעטע פראָווינצען וואלט איך דיך באזארגען
וועלכע פליסען מילך און האָניג זיינען נאך יעצט אומשטאנד
פול מיט האָפענונג ווי א פרילינג מארגען
פליעה! צו דיין מוטערס פליגעל, צו דיין מוטערס האַנד

א פרעכטיג הויז פאר דעם פארמעט וואלסטו בויען
מיט גאלדענע ווערטער „צדק׳ אויף דיין פאָהן
די צובראכענע חורבות איבערסטראָיען
אידעאַלע ארבעט האָסטו פיל צו טאָן

דיינע קינדער, די רייכע, נערים יודעל פון מיר
נעדענקען זיי די באבען? האָבען זיי די קמיע?

אויב זיי ווילען ניט פאָרען מיט דיר
פארלאַנג זייער קאַרטעל וועלכע הייסט מטבע

״פלשת״ דיין שכנה וואס דו פרעגסט אויף איהר
א גערוס פון פאַלעסטינאַ וויל זי דיר איבערגעבען
די בלומען פון ״עמק השרון״ וועלכע וויאַנען אָן דיר
צוזאַמען מיט׳ן לבנון פרעגען דיין לאַגע, דיין לעבען

פון הר-ציון גערינסט דיר יעדער שטיין
אפילו פון די קברים יעדער סקעלעט, יעדער ביין
און איך דיין מוטער ירושלים אויף די אלע ווין
מיר אַלע צוזאַמען שרייען—יודעל אַהיים, אַהיים

דרום יודעל מיין קינד מוזט וויסען
ניט אַנטלויפען ווייט אין דער וועלט
מיט פרעמדע זיך ניט אויסמישען
געדענק דיין מוטער, געדענק דיין געצעלט

נאָר דעם פאַרמעגט, די סגולה, דאס הייליגע ליכט
היט ווי די אויגען אין קאָפּ

אין גרעסטען אומגליק פארגעס עס ניט
ווען שטייגען ארויף ניט אַראָפּ

מיינע לעצטע ווערטער וואָס איך וויל דיר געבען
פון מיין מוטערליכעס הארץ צו דיר געטרייעס!
היט דעם פאַרמעט אזוי ווי דיין לעבען,
וואַרטענדיק אויף דיין קומען, דיין מוטער ירושלים.

ראסקאשנא, 1888

לא יבוא עוד שמשך

דיין שיין וועט קיין מאָל אויפהערען
די צייט וואס די וועלט וועט שטעהן
דיזע ווערטער האָט גאָט געשוואָרען
דורך זיין נביא ישעיהו אליין
דרום האט ער דיך בעשאַפען
פון זעהער א שטאַרקען מעטאַל
א תורה געגעבען פאר אַ וואַפען
אַ נאַטור האַרט ווי סקאַל
די שווערד קען מען איבער דיר הויבען
שניידען דיך גליעד פאר גליעד
בלייבסטו פעסט באַ דיין גלויבען
שרייענדיג „שמע ישראל" איך בלייב א איד
און אין אַ מאָמענט ווערסטו אַ מעכטיגע נאַציאָן
וואָס איין אנדער פאָלק קען עס ניט געבען
מיט תורה, חכמה, געלט און רעליגיאָן
און פון דאָס גיי צו לעבען, צו לעבען.

פּורים

פּורים קיין יום טוב, קדחת קיין קרענק
איז איין אלטער שפּריכוואָרט צייט איך געדענק
אָבער ווען מען באקלערט, איז א וואונדער
פון סיינע ברידער די אידישע קינדער
וועלכע עהרען די חכמי התלמוד מיט לייב און לעבען
און זייער וואָרט איז ווי פון באַרג סיני געגעבען
און אָט די חכמים, אָט די אידישע פּאָהן
האָבען אין תלמוד גערעדט מיט אזוי א טאָן
,אז משיח וועט קומען, מיר וועלען דערלעבען צו זעהען
וועלען אַלע ימים טובים אויפהערען, ווי ניט געווען
,נאָר פּורים" דער נצחון-טאָג פאַר גרויס און קליין
.וועט אייביג צום אַנדענקען בלייבען שטעהן
איז ווי קומט דער שפּריכוואָרט פאַרנעמען אַזאַ אָרט ?
און זאָגען אז פּורים איז קיין יום טוב פאָרט,
דרום מוז מען זעהען גוט בעטראַכטען
אפשר דאַרפמען דעם שפּריכוואָרט ניט פעראַכטען
וואָרום עס טרעפט אַ גלייכוואָרט פון פאָלק דעם געמיינעם
פּראַקטישער פון א מאמר הגמרא, א שאַרפען, א שעהנעם,
בעטראַכט נאָר גוט די מסירה פון המן הרשע

עס איז ניט אזוי איינפאַך, עס איז קשה
צו וואָס האָט איהם געפּאַסט „מפזר ומפרד זאָגען
און אויף דעם „ודתיהם שנות״ זיך בעקלאָגען
האָט ער קיין אַנדערע ווערטער ניט געהאַט?
דער המן! וואָס זיין צונג איז אזוי גלאט
און קענען דען אַזעלכע ווערטער אַצאָרען פּלאַנצען?
דאָס א קעניג זאָל וועלען אומברייננגען א פאָלק אינגאנצען!
ניין! דער פאַרפלוכטער עמלק׳ס זוהן
דער איינגעוואָרצעלטער פיינט צום אידישען נאַציאָן
איהם האָט געשטאָכען אין האַרצען און די אויגען
פאַר וואָס מרדכי וויל ניט בוקען זיך און נויגען
אין דער צייט ווער עס האט געהאַט קניע און רוקען
האָט געמוזט צו המנ׳ן זיך בוקען
חוץ מרדכי דער אידישער פּאַטריאָט
דער בעוואוסטאר פירער, ערוועהלטער פון גאָט
האט זיך פארגענומען, עס קען זיך גיסען בלוט
און ניט נאָכגעבען דעם רשע איין טריט
ער איז ניט געווען ווי אונזערע היינט,
נאָר לעקען און גלעטען אבי געפעלען דעם פיינד
וואס קיין זאַך איז זיי ניט צו שווער

אַפּי נאָר נאָכטאנצען און מאַכען ווי ער.
מרדכי האט ניט בעלאנגט צו דעם קלאַס
ער איז געשטאנען שטאָלץ, די אויגען פול שפּאַס!
אנטקעגען המנ׳ן דעם פּערזשיסען מארשאל
פאַר וועלכען מען האָט געציטערט איבעראל
נאָר פאר דעם שטאָלצען המן איז געווען צו קליין
צו פראָצעסען מיט דעם אידען מרדכי אליין
ער האָט געוואלט איין ארבעט פארפיהרען
כדי דעם גאנצען יודענטהום באַרירען
דרום האָט ער מיט דעם „מפוזר׳ אָנגעהויבען
ווייזען אז ודתיהם שנות פון אנדערע פעלקער און גלויבען
און זייער נאטור האט ער פארן מלך פארגעשטעלט
איז נאך ערגער ווי די חיות אין פעלד
וואָרום אָט די חיות, די ווילדע טהירען
ווען זיי נאָר פאר זיך איין אומגליק דערשפּירען
ווי פיינט זיי האָבען איינער דעם צווייטען
דאס אָפט טוען זיי איינער דעם אנדערען טויטען
אָבער ווען זיי דערפילען נאָר דעם יעגער׳ס האַנד
מאכען זיי גלייך שלום, ווי איין אייזערנע וואַנט
מען מעג שיסען, מיט פייער ברענען

האַלטען זיי צוזאַמען ווי לאַנג זיי קענען.
אָבער דאס אידישע פאָלק האָט המן געזאָגט
אַז מיט פּירוד הלבבות, געלעבערט, געפּלאָגט!
מפוזר ומפורד מיטן האַרצען און זינען
אוממעגליך בּיי זיי אחדות צו געפינען
האָבּען פיינט זייערע אייגענע בּרידער
קיין רחמנות ביי זיי אין האַרץ און גלידער
אַ ארעמער קען פאַלען פאר זיי טויט..
א הונגעריקען וועלען זיי ניט געבּען א שטיקעל בּרויט
זייער לעבּען איז ווילד און פריי
ווי קענען זיי זיין דעם קעניג געטריי?
און נאָך וואס נאר שלעכטעס איז פאַראַנען
האט המן געזאָגט—און מרדכי האָט פערשטאַנען
און מיט חכמה, ערליכקייט אט די בּיידע
געוויזען אז המן איז א ליגנער לפני כל עם ועדה
די רעטונג דעם מלך פון די בּייזע קנעכט
האָט געוויזען זיין טרייהייט און פאַרדינטע רעכט
כאָטש ער האָט דעם מלך ניט געקענט א פריינד זיין
ווייל ער האָט צוגענומען אסתר׳ן זיין האַרץ, זיין שיין
אָן וועלכער ער האָט ניט געקענט לעבּען א מינוט

ווי געקרענקט האָט זיין האַרץ, געקאָכט זיין בלוט
אַ אנדערע וואָלט אָן מלך ראַכע וועלען זעהען
אבער מרדכי איז זיין רעטונגס ענגעל געווען
און צו ליב זיין פאָלקס גליק און נחמה
האָט ער געאָפּפערט זיין הארץ און נשמה
און דאס איז געווען א פאַקט, ניט אין דער שטיל
דאס אידען זיינען געטריי און האָבען רחמנות געפיהל
און ווייזען אז המן לייגט נאָך דער נייער מעטאָדע
האָט מען שליח מנות געמאכט פאר א מאָדע
אין וועלכע אחדות און רחמנות איז פאַרבונדען
כדי צו ערגערען המנ׳ן פאַרגרעסערען זיינע וואונדען
האָבען זיי געהאָלפען די אָרעמע מיט אלעס אין דער וועלט
א הונגעריקען געמאַכט זאַט, א אָרעמען געגעבען געלט
און אויף די קומענדע דורות האָט מרדכי פאַרשריבען
און שלוח מנות איז פאַר אימער און אייביג פאַרבליבען
אַז פורים איז קיין יום טוב איז עס קיין וואונדער
דען נאָר אַלס סימבאָל פון אחדות פאר יעקב׳ס קינדער
איז פורים—און ניט א חג בא אונז אידען
און ביז משיח וועט קומען זאָל אָנהאַלטען דער פרידען
אָז מען וועט אַלע יום טובים אויף געבען

וועט דער אחדות פון פּורים אויפיג לעבען
אזוי האָבען אונזערע חכמים באַקלערט
מיר וועלען שוין זעהען אַז אונז וועט זיין באַשערט.

דער טראָפּען רעגען

גלאַנציג ווי שפּיגעל, קלערער פון קריסטאל
איז דער טראָפּען וואַסער פון רעגען-פאַל,
נאָר פאַלענדיק אויף דער שמוציגער גאַס און וואַנט
און דער דזשעניטאר מיט דעם בעזים אין האַנט
קערענדיק, יאָגענדיק די וואַסער ביז צום סוער
איז פון דער קלאָרקייט ניטאָ מער קיין זכר, קיין שפּור

נאָך קלערער און ריינער פון טראָפּען רעגען-פאַל
איז אונזער אמונה, די תורה און אידעאַל
אָבער וואַנדלענדיק, יאָגענדיק פון דור צו דור
צווישען ווילדע פעלקער באַלד צוויי טויזענד יאָהר!
האָט זיך דער אידעאַל אביסעל אויסגעוועבט
און פיל שמוץ האָט זיך אָנגעקלעפּט

דאס רעדעלע האט זיך געדרעהט

די וועלט איז אַ רעגעלע מאַשין
איהרע וואַלען באוועגען זיך הער און הין
די רעדער זיי דרעהען זיך שנעל אַ שרעק!
גאָר אין א קורצער צייט, א דור אַוועק
דער מאַשיניסט קוקט פון דער הויך אַראָפּ
דורך זיין טעלעסקאָפּ מיט אַ קלאָרער קאָפּ
פון זיין ווערק צופרידען ערפרעהט
ווי שנעל דאס רעדעלע האָט זיך געדרעהט

די מאַשינע מיט איהרע רעדער און וואַלען,
די שוואָונג-ראָד מיט איהר רוישען און קנאַלען
דעם מאַשיניסט׳ס אלע טהאַטען און ווערקען
קען מען אן דער וועלט היסטאָריע באַמערקען
די וועקסלונג פון קעניגרייך און נאַציאָנען
וואו זיינען זיי די געוועזענע הויכע פאָהנען?
די הערשער וואס זייער רוהם האָט זיך צושפּרייט
איך ווייס—די רעדעלע האָט זיך געדרעהט

עס איז נאָך ניט צוויי טויזענד יאָהר ערפילט
דאָס ישראל האָט אויך א וועלט ראָליע געשפּילט,
געשפּילט אין איינס פון שעהנסטען פּראַכט
אייגענע שטעט, פעסטונגען, א גרויסע מאַכט
טייכען, בערג, וויין גערטנער און פעלדען
א רעזידענט, א קעניג מיט טויזענדער העלדען
א בית המקדש, די האַרץ האט זיך געפּרעהט
זעהט נאָר ווי א רעדעלע האָט זיך געדרעהט

אָה, די רעדעלע האָט זיך זאָנדערבּאַר געדרעהט
אין אלע ערד טיילען איז ישראל צושפּרייט
ערנידערט און פארשפּאָט פון יעדען קנעכט
אויף דער גאנצער ערד קיין מענשליכע רעכט
מען הערט נאָר שרייען העפּ, העפּ!
אלע יאָהר נייע פּאָגראָמען, נייע קלעפּ
איז דאָס ישראל די בּליענדע קווייט?
יע! נאָר די רעדעלע האט זיך געדרעהט

יע, דאָס איז ער, נאָר שווער צו דערקענען
דער זעלבּער ישראל, נאָר מיט נייע סיסטעמען

אין גאנצען געענדערט, אפילו פון זיין נאטור
ניט געבליבען קיין זוכר, ניטא מער קיין שפור,
די נאַציאָנאלע ליבע איז פון עם אזוי פארשוואונדען,
דאָס פינטעלע איד שוואך אין הארצען פארבונדען
נאָר ביין יעדען פאַרפאָלגונג און נויט,
פיהלט ער ווי די רעדעלע האט זיך געדרעהט.

יע, די צייט האט אונזער רעדעלע געדרעהט,
טויזענדער אידען אין פאַלעסטינא, מען אקערט, מען זייעט
מען ארבעט, מען בויט און מען פלאַנצט
מען זינגט, מען שפילט און מען טאַנצט
טאָלען און בערג, זיי גרינען און בליהען,
פאַרשמאכטע הערצער פרעהען זיך און גליהען,
חלוצים קומען אָן פון ווייט און ברייט
זיי ווייסען אז די רעדעלע האָט זיך געדרעהט.

דאָס איינציגע וואס מאַכט אונזער ראָד האַלטען,
ישראל׳ס מאשינע פון לעבען אויף שטיקער שפאַלטען.
איז די פירוד הלבבות, די אויבּיגע פלאָג
וועלכע פארגיפטעט אונזער לעבען אלע טאָג

אָט דער שד אויף אלע חתונת, ער טאַנצט,
ווען ניט ער, וואָלט ישראל אנדערש געגלאַנצט
מיר וואָלטען אפשר געווען פול מיט פרייד
קוקענדיג וויא אונזער רעדעלע וואָלט זיך געדרעהט.

פאַר וואָס?

פאַר וואָס האָט מען אונז פיינט?
אפשר זיינען מיר דאָס אזוי ווערט,
מען פאַרפאָלגט אונז ניט פון היינט
אויף דער בלוטדאָרשטיגער פאַרשאָלטענער ערד
אָדער זיינען מיר אזוי פאַרדאָרבען ווילד?
ערגער פון אלע מענשען-קינדער,
עפּעס מוז דאָך זיין די שולד
ענטפערט מיר, ענטפערט גיכער, געשווינטער

אפשר זיינען מיר די ערגסטע אויף דער וועלט?
נאָר מיר ווילען זיך קיין רעכענונג געבען,
ניט אומזיסט איז פאַר אונז אלע רעכטע פאַרשטעלט
און מיר זיינען ניט זיכער מיט אונזער לעבען
אָדער איז אונזער ערד פול מיט טיגערען און שלאַנגען,
פול מיט רייסענדע חיות, א ווילדער וואַלד,
דאָס אונז אלס אָפּפער איז זייער פערלאַנגען,
ענטפערט איך בעט אייך, ענטפערט מיר באַלד

אויף דיזעס קען יעדער איין ענטפער געבען
וועלכער איז בעקאַנט מיט דעם גלות לעבען פון אידען
דאָס ווען מען גיט אונז נאָר די רעכט צו אָטעמען, צו לעבען
פאַרלאַנגען מיר ניט מער, און מיר זיינען צופרידען.
די צופרידענהייט וואַרפט אונז אין שלאָף, אין דרעמעל,
מיר וואַכען אויף! ווען עס כאַפּט אונז די שרפה,
עס איז צו שפּעט, פינסטער שוואַרץ איז דער הימעל
עס דונערט, עס בליצט, עס האנעלט די מגפה.

קוים געהט נאָר איבער, לאַכען מיר פון די זאַכען
ווי נאָר דער שטורעם און געוויטער ווערט נאָר שטיל
מיר טרייסטען זיך, מיר ווילען זיך נאָך שטאָלץ מאַכען
דאָס מיר קענען ליידען, און אויסהאַלטען אזוי פיל
און אָט אזוי וואַנדלען מיר אין גלות דעם וויסטען
אין א פינסטערער לאַנג באַלד צוויי טויזענד יאָהר
קלייבענדיק שמאַטעס אויף פרעמדע מיסטען
אונזער איינענטהום איז פון אונזער קאָפּ די האָר.

קען מען פערלאַנגען גוטעס אין דער פרעמד
אָנשפּאַרענדיק זיך אויף יענעמס געזונד

בײַ דעם קלענסטען אומגליק בלײַבטמען אין אײן העמד
און מען טאָר אפילו ניט עפענען דעם מונד
אָט דאָס איז דער אומגליק, דערפאַר האָט מען אונז פײַנט
װײַל מיר האָבען קײן הײם, אונזער פּראָפעסיאָן איז לופט
און דעם עלענדען דריקט מען שוין ניט פון הײנט
לאָזטמען צו אונז אויס דעם צאָרען, דעם גיפט

װען מיר האָבען א הײם, אײן אײגענעם פּלאַן,
אײן אײגענעם גאָרטען, אײגענע פיר װענט
װאָלט יעדער אונזער אָרעמער מאַן
געפיהלט גליקלעך, א פּאָלקאָמער רעזידענט,
מײַן הויז, מײַן גאָרטען, װײַב און קינד
אלײן ציגעל געמאַכט, אלײן געקנאָטען לײם
מײַן עזעל, מײַן פערד, שאָף און רינד
און בײַ זיך אין דער הײם, אין דער הײם

אין דערפרעמד קען מען ניט גליקלעך בלײַבען,
קלאַפּענדיק פרעמדע טירען און שװעלען,
אין א פרעמדען גאָרטען אז מען װיל פרוכטען קלײַבען
װאו יענעם געפעלט מוז מען זיך שטעלען.

און כל זמן מיר װעלען זײן אין דער פרעמד
אפילו בײ די בעסטע מענשען פרײנט
װעלען מיר ניט זײן זיכער מיט אונזער העמד
און מען װעט אונז אלע מאָל האָבען פײנט.

גראפּסקאי, 1895

ציון קאָנווענשאָן אין ראַטשעסטער, 1914
האָט איינע פון די קירכען
געקלונגען „די התקוה״

אין ראַטשעסטער די שטאָט פון בלומען
האָט דער ציוניזם פעסט געשטעלט
אז גראַד דאָ זאלען צוזאמען קומען
דעלעגאַטען פון דער אמעריקאנער וועלט

און די „התקוה״ האָט מען געקלונגען
אין קירכע פון קריסטליכער רעליגיאָן
און אין די שולען געדרשנט, געזונגען,
געוועקט, געמונטערט אונזער נאציאָן

געוועקט פון זיין לעטאַרגישען שלאָף
ער זאָל פיהלען, ער זאָל פארשטעהן
ער זאָל זעהען עס איז קיין בלאָף
דאָס אהיים, אהיים מוז מען געהן

אהיים צו אייער אלטע נעסט,
צו ציון וועלכע בענקט נאָך אייך

דאָרטען וועט איהר זיין ניט נאָר געסט
נאָר אויך גליקלעך שטאָלץ און רייך

געגנוג זיך געוואַלגערט אין דער פרעמד
געליטען צרות, שאַנד און שפּאָט
גענוג פאַרויבט געוואָרען ביז איין העמד
און פארלאָרען דעם האָפענונג אין גאָט

גענוג געאָפפערט אונזערע כחות
פאַר פרעמדע אידעאַלען, פרעמדע גליקען
אַוועק פון אונז די בעסטע מוחות
נאר פרעמדע, פרעמדע צו דערקוויקען

פאַראייניגט אייך איר קרעפטע פון אונזער נאַציאן
איר איידעלע טרוימער און געטרייע וועקער
הויבט הויך און שטאָלץ אונזער פאָהן
פרעמדע זאָלען ניט דאַרפען קלינגען אין די גלעקער

ראטשעסטער, 1914

צוויי טעריטאָריעס

פּאַלעסטינאַ

צוריק אין דער היסטאָרישער לאַנד
פיהרט אונז די געשיכטע פאַרן האַנד
נאָך וועלכע געשטרעבט אַלע יאָהרען
עס ציהט צו דעם שיין פון אַמאָהל
עס הערט זיך דעם נביא'ס קול
עס לייכט, עס ברענט נאָך דער דאָרען

צום פּראַכט פון לעגענדאַרישען אייגענטהום
ציהען זיך חלוצים פון אומעדום
עס שמעקט מיט קדושה אט די ראמאַנטישע עפּאָכע
עס לעבט די שפּראַך, דער גייסט איז רייך
געבייגענע רוקענס ווערען שטאַרק און גלייך
מען הערט די טריט פון מזל און ברכה

פון וועג ראַמט מען אפּ די שטיינער
די נשמה לעבט אויף די טויטע ביינער
די בערג און טאלען גרינען און בליהען

די פאבריקען זיי פייפען און וועקען
זיי רופען די ברידער פון אלע וועלט עקען
צו דער אַרבעט! קיין ציון, קיין ציון.

בירא בידזשאַן 2

א נייע געשיכטע, ערשט א פּאָר יאהר אַלט
אָן א אידעאַל, אָן א ראָמאנטיש געשטאַלט
קאַלט און האַרט ווי די סיבירער בערג פון אייזען
פייכטקייט און פראָסט, א רעהע קעלט
זומפּען פון בראשית בעשאַפונג די וועלט
אזאַ ווילדערנעס ציוויליזירען, דאַרפען זיי בעווייזען

אין דער וויטער וועלט פאַרשטייסען
א דור המדבר אָן א משה'ן,
אָן א בעל-צפן און אָן אַ גאָט
נאר דאס וואס זיי האָבען פאר גוט,
איז אין די אָדערען דעם זיידען'ס בלוט
און די קאָמוניסטישע צעהן געבאָט

קען אזוי א וואונדער פּאַסירען?
דאָס די ירושה-דיקע בּלוט זאָל זיי מאַרענירען
און דעם נצח ישראל-דיקען אַנדענקען פארהאַרטען
און אין קאַלטען סיבּיר דעם ווילדען
זאָל זיך א נייעֶר טיפּ ישראל אויסבּילדען
אפשר, מיר מוזען אָבּער לאַנג וואַרטען.

הושענא

איהר געלערענטע פראפעסאָרען
און איהר גנזי נסתרות-דיקע רעדאַקטאָרען
און איהר רעפאָרם רבּיים און קאָנסערוואַטאָרען
וואָס האַלט איהר פארלייגט די הענט,
איהר זעהט ניט דעם פייער וואָס ברענט?
העלפט אונזער פאָלק, ברענגט די ישועה
הושענה אבן שתיה.

הושענא

איהר ציוניסטען און טעריטאָריאליסטען
און איהר רעוויזיאָניסטען-נאציאָנאליסטען
און איהר באַנקירען כל יכיל-דיגע קאַפּיטאליסטען
איהר ווייסט אין וואָס פאר א צייט איהר לעבט?
איהר זעהט דעם שווארצען וואָלקען וואס שוועבט
העלפט אונזער פאָלק די „גולה וסורה״
הושענה עניה סוערה.

הושענא

איהר שרייבער און אויך איהר בענאַבטע פאָעטען

און איהר פרעזידענטען פון שולען און קאמיטעטען
און איהר וועלכע הויכע פּאָזיציעס פאַרטרעטען
און אויך איהר רבנים קדושים וטהורים,
וואַרפט אייערע **לייפען** פאַר די הכשרים.
העלפט אונזער פּאָלק די דלותי ולי יהושיע
הושענא אָדון המושיע.

הושענא

איהר לעהרער, ערציהער, פּעדאַגאָגען,
און איהר מגידים מטפים מיט אייער זאָגען
און אַלע כלי קודש וואָס מיר פאַרמאָגען,
און חזנים פון קאָנגרעגיישאָנס, קהלות
וועקט אויף מיט אייערע געטליכע תפלות,
העלפט אונזער פּאָלק ההרוגה עליך,
הושענא רשומים בשמך.

די יונגע הדסה

די יונגע הדסה!
א בלום ערשט ארויס פון איהר קנאָפּ,
פול מיט ענערגיע, קראַפט א מאַסע,
עלעגאַנט, שטאָלץ האַלט זי איהר קאָפּ.

געבאָרען אין מערב, אָבער די האַרץ איז אין מזרח. דאָרט
וואו די בלומען פון עמק השרון בליהען,
וואו ברידער און שוועסטער בעאַרבעטען דעם אָרט,
די טאָלען און די בערג פון ציון.

דאָרט אין יענעם וואונדער לאַנד,
וואָס ציהט חלוצים פון ווייט און ברייט,
אהין שטרעקען מיר אונזער האַנט,
מיר ווילען זיי העלפען אין זייער נויט.

מיר ווילען אונטער שטעלען אונזער פלייצע,
פאַר יעדען שוואַכען, פאַר יעדען קראַנקען,
מיר ווילען זיי העלפען מיט געלט און עצה,

מיט אונזער ענערגיע און מיט אונזערע געדאַנקען.

מיר ווילען היילען זייערע וואונדען,
מיר ווילען זיי זאָלען האָבען שטאָלץ און מוט,
וואו מען דאַרף וועלען מיר אליין פאַרבינדען,
וואו מען מוז וועלען מיר געבען אונזער בלוט.

מיר בילדען היימען פאַר די קינדער,
מיר ווילען פאַר זייער ערציהונג זאָרגען,
מיר האָפען און ערוואַרטען פון זיי וואונדער,
פאַר אונזער צוקונפט, פאר אונזער מאָרגען.

מיר הדסה, טעכטער פון ציון,
מיר גיבען גערען אונזער צייט און געלט,
מיר ווילען אונזער לאַנד זאָל בליהען,
זאָל זיין די שטאָלץ פון דער וועלט.

שמי „אברהם משה״ בראשי החרוזות

ליעד

איך אלמנה ציון,
נאָר איך קלאָג און וויין
מיין פריינד האָט געטהאָן אוועק פליהען
און איך בין געבליבען איינע אליין

בייזע מענשען געדענק איך ווי היינט
האָבען מיך אומגליקלעך געמאַכט
זיי האָבען פאַר מיין פריינד
רכילות פאָרגעבראכט

רייסענדע חיות פון וואַלד
זיינען אין מיין הויז בייגעקומען,
זיי האָבען פון מיר מיט גוואַלד
מיינע קינדער צוגענומען

הערט ווי עס דונערט אין דער הויך
אַ רעש, אַ טומעל אַז אַ וואונדער,

און דער פייער מיט דעם ריח,
דאָס טרייבטמען מיינע קינדער

מאַכט אויף די אויגען און בעטראַכט
צי איז דען אזוי גרויס זיינע זינד,
דאָס איהר פאַרפאָלגט און פעראַכט
מיין אָרעמען אומשולדיג קינד

מענשען, ליעבע לייט
לייפט גיכער, געשווינטער,
פון נאָהענט און פון ווייט,
ברייגנט מיר מיינע קינדער

שיקט זיי צו מיר, צו זייער מוטער,
וועלכע וואַרט מיט אָפענע הענט,
מיין פריינד וועט זיין זייער היטער,
זייער קעניג, זייער פרעזידענט

העד פון דער וועלט,
זעה מיינע טרערען,

מיינע קינדער אין דיין געצעלט,
טו צו ציון ווידער קערען.

גראפסקאי, 1898

אלגעמיינע

ליעדער

און

פּאָעמען

די פוקס אין גאָרטען

אַרום אַ וואונדער שעהנעם גאָרטען
וואו עס וואַקסען פרוכטען אַלע סאָרטען
איז אַ הונגעריג פוקס ארומגעגאַנגען
וועגען דעם אַרומגערינגעלטען פּלאַנקען
האָט זי געבּראָכען די קאָפּ פון געדאַנקען
קען זי די פרוכטען ניט דערלאַנגען
זי האט נעבּאַך געזוכט, געגראָבּען·
מיט די נעגעל די ערד געשאָבּען
געקוקט אויב עס זעהט איהר קיינער
ווי גערען וויל זי דעם הונגער שטילען
מיט די פרוכטען דעם מאָגען פילען
דערקוויקען דעם גוף וואס איז היילע בּיינער
און אַזוי ווי זי איז געלאפען
האט זי אַ גרויס גליק געטראפען
און אַ לאָך אין פּלאַנקען האט זי דערזעהען
זי האט איהרע קרעפטען צוזאַמענגעזעצט
און דורך דעם פּלאַנקען זיך דורכגעקוועטשט
און זי איז שוין אין גאָרטען געוועזן
אונזער פוקס האט דאָרטען פרוכטען דערוואוסט

נאָך מעהר ווי פיל איהר האַרץ האָט געלוסט
פון עפּעל, טייטלען און מאַראַנצען
און נאָך פיל סאָרטען איז דאָרט געווען
אזוי פיל האָט זי אין איהר לעבען ניט געזעהען!
פון שמחה האָט זי אָנגעהייבען טאַנצען..

אַפּעטיט האָט איהר ניט געפעהלט,
האָט געגעסען, אין זיך אַריין געשטעלט
פיל מעהר ווי זי האָט געקענט פערטראָגען
די בעסטע האָט זי אויסגעקליבען
פון די שלעכטע אויך ווערניג געבליבען
אַלעס, אַלעס אַריינגעשטאָפּט אין מאָגען..

און אַז זי איז געוואָרען זאַט
ווי א באַלון אָנגעבלאָזען, ווי סאַמעט גלאַט
האָט זי געוואָלט פון גאָרטען אַרויס געהן
וואָס זאָל איך דא לאַנג פערבלייבען,
מען זאָל מיך מיט הינט אַרויסטרייבען,
האָט זי געקלערט אין זיך אַליין

און זי האָט אָנגעהייבען די לאָך זוכען
כדי פון גאָרטען אַרויסצוקריכען
און אויף דעם אָרט אַ צייכען מאַכען גוט..

טאָמער וועט זי נאָך אמאָהל הונגער האָבען
זאָל זי ניט דאַרפען זוכען און גראָבען
זי זאָל געפינען דעם פּלאַץ יעדע מינוט

אָבער עס איז אוממעגליך צו בעשרייבען
ווי דערשראָקען די פוקס האָט געמוזט בלייבען!
דערזעהענדיק דאס די לאָך איז צו איינג פאַר איהר
ווייל זי איז פריהער געווען מאָגער, צובראָכען,
איז זי דורך דעם פּלאַנקען דורגעקראָכען
יעצט איז זי אָבער צוויי מאהל אַזוי גראָב ווי פריהער.

זי האָט קיין אַנדער עוצה גיט געקענט אויסקלייבען
ווי נאָך אַ פּאָר טעג אין גארטען פערבלייבען
און לויז ווערען פון אַלעס וואָס זי האָט דאָ גענומען
און פון טײַערען גאָרטען קיין נוצען האָבען
אומזיסט זיך אַזוי פיהל געמאַטערט, געגראָבען
זי מוז אַוועק געהן אַזוי דאַר ווי זי איז געקומען..

דיזער שעהנער, פּראַכטפולער גארטען
איז אונזער לעבען, אונזער וועלט
טייערע בוימער, מיט פרוכטען אַלע סאָרטען
זיינען פערפלאַנצט, אין ליין אויסגעשטעלט

אזוי ווי מיר זיינען אויף דער וועלט געקומען
נאַקעט און זעהער איינפאַך
און אַז מיר ווערען פון דער וועלט גענומען
מיטנעהמען קענען מיר קיין זאַך

שנת — כאשר יצא מבטן אמו ערום
ישוב ללכת כשבא
(קהלת ה)

צו שפּעט

דעם מענשענס לעבען ווען מען גוט בּעטראַכט
ווי קען ער זיין געפּעלען
צו אַ איבּערגאַנג פון טאָג בּיז נאכט
קען מען איהם צום בּיישפּיל שטעלען
די זון זי שיינט העל און ווייט
וואַרעמט, היילט און גלעט
אָבער צו שנעל פליהט די צייט
איידער מען קוקט זיך אַרום איז צו שפּעט

דאַרום מוז יעדער מענש בּעטראַכטען גוט
היטען יעדע סעקונדע פון טייערען מאָרגען
אין דער צייט ווען עס פליסט די יונגע בּלוט
פאַר דעם גאַנצען טאָג צו בּעזאָרגען
אויב דו געהסט אויף אַ שלעכטער וועג און בּאַן
שפּרינג דערפון מיט חרטה און געבעט
וואָרום עס לייגט זיך ניט דער גאַנצער פּלאַן
עס קען בּאַלד זיין צו שפּעט

פילע וועלכע גרויסע ראָלען שפּילען,
ווען די מאָרגען זון שטראַלען שיינט אויף זיי,
די פליענדע צייט זיי ניט פיהלען,
ווי דער טאג ער שרייט אָי וועה, אָי וועה.
אין נאַרישע זאכען די קאָפּ פארדרעהט,
און די צייט אהה! ווי שנעל זי טרעט,
מיט אַמאל א באַפעל „פאַרמאַך די קלייט"
דען עס איז שוין צו שפּעט.

איהר יונגע, שטארקע, שעהנע מענשען,
פאַריאָגט ניט די וואס ליעבען אייך,
ווארום ניט אייביג וועט איהר גלענצען,
דאָס פארנעהט מיטען טאג צו גלייך.
האט חתונה באַלד, זייט ניט דום,
כל זמן איהר זייט נאך יונג און נעט,
וואָרום איידער איהר קנקט זיך ארום,
וועט אפשר שוין זיין צו שפּעט.

און וואָס איז מיט אייך איהר איידעלע דאַמען,
איהר ווילט ניט וואַרפען אייער קאַפּריז,

איהר ערגערט נאָך אלעס אייערע מאַנען,
מיט אייערע מאָדעס פון פאַריז.
זעהט ווי עס פאַרגעהט אייער שעהנער מאָרגען,
עס העלפט ניט דער שעהנער טואַלעט,
אָה! ווי גרויס וועלען זיין אייערע זארגען,
אז מיט אַמאָהל וועט שוין זיין צו שפּעט.

דאס טייערסטע אויף דער וועלט,
איז די צייט אין וועלכער מיר לעבען,
צום לעצט..נאך ניט פאַר געלט,
וועט דיר קיינער פון זיינע א שטונדע געבען.
דאַרום זאלסטו דיינע קרעפטען אָנווענדען,
אין יעדער סעקונדע און וואו דו גיסט נאָר א טרעט,
און ניט די צייט אומזיסט פארשווענדען,
ווארום עס קען נאך זיין צו שפּעט.

די ענטוישטע

ליעד

אַז מען פלאַנצט אַבוים פון לעבען
מוז מען צו ערשט בעטראַכטען דעם אָרט
אויב עס קען פרוכטען געבען,
אויב עס קען עפעס וואַקסען דאָרט.

אַ טייערען גאָרטען האָב איך געפלאַנצט,
אויף אייביגע ליבע דעם וואָרצעל געשטעלט,
ווי דער גן עדן אליין האָט ער געגלאַנצט,
דאָס איך האָב פאַרגעסען די גאַנצע וועלט.

פון מיין לעבען ערשט אָנגעהייבען געניסען,
מיין האָפענונג-בוים האָט פרעכטיג געבליעט,
שרעקליכע מערדער האָבען די פרוכטען אָפּגעריסען
שטעלט אייך פאָר ווי מיר איז ניט גוט.

איך קוק דורכען פענסטער, איך מוז שטיל שווייגען
מיין רעדען, זיך בעקלאָגען, איז אומזיסט,
פון טייערען גאָרטען געבליבען דערנער צווייגען.

װעלכע צולעכערען מיר מײנע ברוסט.

װאו נעמט מען כחות? װאו נעמט מען פליגעל?
און װאוהין זאָל איך פליהען, און װאו זאָל איך געהן?
אַז די גאַנצע װעלט, איז אַ פאַרשאָלטענע שפּיגעל
װאו אַלע שדים קען מען אין איהר זעהען.

ראַסקאָשנע, 1888

דער פארליבטער

ליעד

דער הימעל איז פאַר מיר פאַרדעקט
מיט שוואַרצע וואָלקענס באַפלעקט,
אונ די לבנה האָט קיין געשטאַלט.
די פילע מיליאָנען שטערען
ווי זיי וואָלטען גיסען מיט טרערען
טרויער איז ביי זיי אויפן פנים געמאָלט
די וועלט אין מיינע אויגען
ווי מיט אַ שירעם באַצייגען
איך זעה קיין ליכט, קיין שיין.
איך פרעג ביי לייטען
וואָס דאס קען בעדייטען
וואָס פאַר אַ קראַנקהייט דאס קען זיין?

איך וואָלט וועלען דערקענען
דעם פייער וואס טהוט אין מיר ברענען?
פאַר וואָס בין איך ניט צו אַלע מענשען געגליכען?
פאַר וואָס זאָל אויסוויזען מיר
אַז צו ליעב דיר, צו ליעב דיר

וואָלט איך אפילו אין פייער קריכען
אויב איהר ווייסט זאָגט מיר, איך בעט
ווי אַזוי קען איך איינשטילען דעם מאַגנעט
וועלכער ציהט מיין האַרץ אָן אַ שיעור
קום כאָטש איין מאָהל צו מיר אַרויס
און זעה ווי איך ווייז שוין אויס
דאס מאַכט ווייל איך בּיינק נאָך דיר

אין חלום בּיי נאַכט
האָט זיך מיר אויסגעדאַכט
דיין העלדיש בּילד האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט
ווען פון דיין פּנים דער שיין
אין מיינע געדאַנקען קומט אריין
דאַמאָלסט פאַרגעס איך די גאַנצע וועלט
דיינע געטליכע אויגען
וועלכע האָבּען מיין האַרץ צוגעצייגען
אָה! ווי טייער זיי זיינען בּיי מיר.
לאָז מיך איין מאָהל געניסען
פון דיינע בּאַצויבּערטע קושען
און אויסגעהן און שטאַרבּען פאַר דיר.

מיין לעצטע צייט

ווען איך בין אויף דער וועלט געקומען,
די פרייד פון מיינע עלטערען איז געווען גרויס,
און אז איך וועל ווערען צום שטאַרבען גענומען,
וועט כאָטש איינער נאָך מיר וויינען, ווער ווייס?

און אַז זיי וועלען יאַ וויינען נאָך מיר,
וועט מיין הארץ פיהלען? דער מוח קלערען?
וועט מיין נשמה זיך געבען א ריר
פון מיינע קינדער׳ס הייסע טרערען?

און וואו וועט בלייבען מיין אידעאַל
וועלכען די נשמה האָט געגעבען לעבען?
וועט ער אויך מיט דעם לעצטען שטראַל
צוזאַמען מיט דער נשמה אוועק שוועבען?

און אַז די נשמה וועט זיין אין גן עדן,
און מיין קערפער וועט מען לייגען אין דער ערד אריין,
און אז דאָס פאָרעל...וועט זיך צו שיידען,

אין וועלכען פון זיי וועל איך דאמאלסט זיין?

אדער וועל איך גאָר ניט זיין,
אָט ווי דער לעצטער פונק פון א ליכט,
א צאַפּעל נעגעבען דער לעצטער שיין,
און פאר אימער און אייביג פאַרניכט.

און דערפאַר האט מען מיך אויף דער וועלט געבראכט?
בארעכען איך די עולה שטיל,
באוויזען מיר די שעהנע וועלט, א פראַכט
און דערנאך טהאן מיט מיר וואס מען וויל.

און איך פיהל זיך הילפלאָז קראַנק,
שוואַך, נישטיג און זעהער קליין,
אפשר איז דא א העכערער געדאַנק?
נאָר איך בין צו נאַריש איהם צו פארשטעהן.

אזעלכע געדאַנקען אין מיין קאָפּ שוועבען,
און שטעכען מיין האַרץ ווי אַ שווערד,
און רואינירען מיין רוה כל זמן מיין לעבען,

ביז מען וועט צודעקן מיין קערפּער מיט ערד

דאַמאָלסט וועט אַלעס אַיין ענדע נעמען
די אַלע זאָרגען אויף דער הבל-וועלט
קיינער וויל פון מיר, ניט איך פון יענעם
ווען דער קבר וועט זיין מיין געצעלט.

מיינע זכרונות

ליעד

אין מיין זכרון איז פאַרשריבען
ווי עלענד איך בין געבליבען
נאָך מיינע עלטערען אליין אויף דער וועלט,
אָן פריינד, אָן ברידער,
ווי א שיף אָן א רודער,
אָן אַ היים, אָן א געצעלט.

ווי א בוים אין מיטען פעלד,
פאַר אלע שטורעמס אויסגעשטעלט,
אזוי ווייז איך פאַר אלע מענשען אויס,
ווער עס קען נאָר דערלאַנגען,
ברעכט מיט צוואַנגען,
רייסט פון וואָרצעל ארויס.

נאָר נאָט וועלכער איז מיין פלאַנצער,
מיין שיצער און מיין פאַנצער,
מיין היטער, מיין אייזערנע וואַנט,

אין גרעסטען שטורעם
איז ער מיין שירעם,
דאָס איינבייגען איז מיך קיינער אַמשטאנד.

ראסקאשנע, 1889

ער האָט מיך באַשאָנקען מיט חן און פערשטאַנד
ווי צו זיין מיט מענשען בעקאַנט
אריאלען צו שפילען פון אַ עהרליכען העלד
מיט קריסטען, מיט אידען
מיט אַלעמען לעבען אין פרידען
אַזוי האָף איך דורכגעהן מיין וועלט.
ראסקאשנע, 1889

א. מ. קובלאַנאָוו

„פּאָעזיע“

צווייטער טייל

פּאָעמס און לידער

Copyright 1947
— by —
A. M. KUBLANOV
Rochester, N. Y.

All rights reserved

אַ מצבה

צום אנדיינקען פאַר מיין פרוי
פריידע רחל בת ר׳ מרדכי ע״ה

ווייט זייער ווייט, ווי אַ אויג קען קוקען
זיינען מצבות: און מצבות אויסגעשטעלט
פון שטיין, הארט, קאַלט און טרוקען
ווי זיי שפּאַטען, און זאָגען צו דער וועלט:

„איהר זעהט די אַלע וועלמע האָבען אייך פערלאָזען
„און זיינען בעגראָבען אויפ׳ן הייליגען אָרט
„זייערע קערפּערם אַ יניקא פאַר בוימער און גראָזען
„זייערע נשמות: פליטערען אין גן־עדן דאָרט.

„על כרחה פערלאָזט אייער עמק הבכה ! . . .
„קיין זאַך ניט גענומען פון דער וועלט
„פערלאָזט אַ היים: קינדער און משפחה
„זיי האָבען איהם א מצבה צוקאָפּענס געשטעלט.

„אַ מצבה אַ קאָסטבאַרע! אַ געפּילירטע בערי
„אויסגעהאַקט דעם נאָמען, ווי אַלט און ניט מער
„ניט דערמאָנט פון לעבען, די צייט די שווערע
„ניט דערמאָנט די ניט אויסגעוויינטע טרער.

„און וויפיעל הערצער! בלוטיג פארביינקטע!
„בעגראבען און פערשאטען ליגען דא ?
„און וויפיעל נשמות, פון קערפערס צוקריינקטע
„אויסגעאטעמט: געשיידעט די לעצטע שעה.

„און מיט טרעהרען אין אויגען, מענשליכע געשטאלטען
„תפילות אויף די ליפען, פאר די מצבת פון שטיינער
„אונטער וועלכע עס ליגען בעגראבען בעהאלטען
„פון זייערע טייערע: די סקעליטען און ביינער.

„מיר מצבת: מיר זיינען עדת שטימע !
„דאס בא יעדער טיר ליגט א שטיין
„די אורזאך פון דער פאמיליעס מהומה !
„צי דער שטיין איז גרויס אדער קליין . . .

„און א בית עולם איז יעדע סטריט
„א מצבה! איז יעדער בריק בעזונדער
„מתים זיינען די גראז ! אמאל געלעבט געבליהט
„גרין בלוט געפליסט, געווען שיין, שיין א וואונדער.

„און אַ שטיין דריקט יעדע האַרץ
„אַ מצבה'לע קליין אָדער גרויס
„טיעף פערבאָרגען איז דער שמערץ !
„מ'האַלט עס בסוד ! מ'זאָגט ניט אויס . .

ויקח את האבן אשר שם מראשתיו
וישם אתה מצבה:

לא בחיל ולא בכח

מיר האָבען ניט נעגעל שאַרפע
אויך ניט קיין שפיציגע ציינען
דאַרום קבעצט מיט יאָמער אונזער האַרפע !
דערפאַר זיינען מיר שוואַך און קליין.

מיר האָבען ניט קאפיטעם צו בריקען
אויך ניט הערנער שאַרף ווי אַ שווערד
דערפאַר טהוט מען אונז דריקען און שטיקען
אויף גאָטעס פערשאָלטענע ערד.

מיר קענען אויך ניט זאָגען
מיט שטאָלץ זיך געבען אַ שטעל
אָט די חיה ! . . . האָבען מיר דערשלאָגען
און אָט איז איהר בלוטיגע פעל ! . . .

אונזערע שונאים זיי פרוכטבאַרען און מעהרען
זיי ווערען קיינמאָל ניט מאַט
מיר קענען זיי ניט קריג ערקלעהרען
דורך אונזער קאָנסולאַט ! . . .

מיר שטייען שוואַכע שטומע !

ענטוואָפענט ! מיט ליידיגע הענט

און בײַ יעדע שריפה און מהומה !

ווערען מיר שעור ניט פערלענט.

קאַנאָנען און גיפטיגע שטאָפען

האָבען מיר ניט: צו געווינען דעם פייט:

און שוואַך ווערט דער טעגליכער האָפען

אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט ! . . .

כי אראה שמיך מעשה אצבעתיך

צו גאָט איך שטרייב, עס ציהט
מיך, מיט מיין שוואַכען מוח
אַ פונק אין מיין האַרצען עס גליהט
וועלעדניג פאַרשטעהן דיין געטליכען כח.

איך זעה די מיליאָנען שטערן:
מ'זאָגט אז יעדער איז אַ וועלט
קען איך זיך ערלויבען צו קלעהרען ?
ווי אַזוי איז עס צוזאַמענגעשטעלט ?

און דער הימעל־רוהם, אָה ווי גרויס !
ווי די ריזען קערפּערס זיך באַוועגען
און ווער האָט זיי געגעבען דעם ערשטען שטויס ?
דער בורא ! צי דאַרפען גאָר פרעגען !

דער בורא אָטעמט איין אַ פערבאָרגענע זעלע
אין שטורעם, אין פייער, אין וואַסער, אין ווינד
אין שטיינער, און אין בוימער, גראָזען און קוועלע
דאָס צו פאַרשטעהן ? אָה ווי איך בין בלינד !

און זײַנע װאונדערבאַרע װעגן !
צו שאַפֿן קעלט און היץ
און דעם מזל־ברכה'דיגן רעגן:
מיט זײַן דונער, מיט זײַן בליץ

די פֿלאַמענדע זוהן, מיט איהר שטראַהלען ליכט:
װאַרימט, הײלט, װי אַ מוטער געטרײַ.
די זילבערנע לבנה װי שעהן צװישען זי קריכט:
און פּונקטליך יעדן חודש גאַר נײַ . . .

און פֿאַר'ן מענשען און בהמה, פֿױגעל און פֿיש
פֿאַר יעדן טעגליך אַ טיש געגרײט !
נאַרהאַפֿטע שפּײַז, געזונטע און פֿריש
און העלפֿסט אַלעמען אין זײער נויט.

אונטער דײַן כלל און פּרט־שע השגחה !
װעלכע איז די אײביגקײט אַלײן
זײַנען די גרעסטע געשעהענישען אין עפּאָכע
אומװירדיג, נישטיג, א פּינטעלע קלײן.

דאַרום ציהט מיין האַרץ און יעדער אבֿר !
צו גאָט ! אין וועלכען איך האָף און גלויב
ווען איך וועל אפילו ליגען אין קבר
וועט ער באַשיצען פון מיין ערד, די שטויב !

על שבר בת עמי

א לעטער פון א דייטשען סאלדאט

מיין טייערע היילינע ליעבע פאטערלאנד !
די רייכע, די שעהנע, קלוגע, און ריינע
צום אומגליק גליצסטו זיך פון אונזער האנד !
באהערשען וועט דיך אונזער שנאה.

אונז פערטרייבען אין רוסלאנד דעם ווילדען
וואו קערפערם פון אונזערע העלדען זיינען פערזייט
זיי ווילען מיר זאלען העלפען בילדען
דאס וואס מיר האבען געבראכען און געטויט.

געבראכען און געטויט דעם אידען און קאמוניסט
אונזער פלאן זאל ניט זיין קיין שטער
וואס מעהר אידישע בלוט זיך גיסט
מעהר געפעהלט עס „היטלער'ן" אונזער הער.

האבען מיר די שוואכע אויף פיצלעך צוהאקט
צוברענט, צומאלען, פריהער פון גען דערשטיקט
די אשעס, און געזיגעלטע טריינען געפאקט
דיר טייערער פאטערלאנד א פרעזענט געשיקט.

מאַך פעט מיט די אשעם דיין מאָגערע לענד!
פאַרגעסס! אַז דאָס איז פון מענשענ'ס פליש און ביין!
פאַרטריקענטע בלוט! מענשישע פים און הענד
די זוהן וועט דאַרויף שיינען! דער רעגען וועט געהן.

און וואָס איז מיט דער לבנה, מיט די שטערען?
ווען מיר האָבען געצאַפּט בלוט פון אידישע קינדער?
זייערע געשרייען האָבען זיי געווים געמוזט הערען
געכאַפּט אַ שווייג! און וואָס איז דער וואונדער?

אַז די הערשער פון דער ערד, האָט עס ניט פערדראָסען!
זיי האָבען אַ צוגרויסען פראָטעסט ניט געגעבען
ווען מיר האָבען מיליאָנען אידישע בלוט פאַרגאָסען!
און הפקר איז געווען זייער פאַרמעגען, זייער לעבען.

דער רעגען האָט געשווינקט זייער בלוט צום סור!
די קערפערס האָבען מיר פאַרברענט און צומאָלען.
געזעהן עס זאָל ניט בלייבען קיין שפור!
עס הערט זיך! אַז מיר וועלען מוזען באַצאָהלען.

בעצאָהלען? הייל היטלער ! דאָנער וועטער !
ווער ווען? אפשר די פאַרפלוכטע אידען ?
געדאַרפט אַלעמען אויסווערגען, די פאררעטער:
קיין מאָנער ! זיי וואָלטען געווען צופרידען.

איך וואָלט דיר עפטער געשריבען
מיר פּיהלען די לעצטע צייט ניט גוט
און מיינע הענד זיינען צושניטען, צוריבען
די שרייב פּייפּער ווערט באַשמוצט מיט בלוט.

און די בלוט לאָזט זיך ניט וואַשען
עס איז איינגעדריקט אין לייב אַ שרעק
איך רייב מיט זייף, און זייער געלאַשען
עס העלפּט ניט ! עס בלייבט אַ פלעק ! . . .

נו גענוג גערעדט ! איך מוז גלייך שטומען
צוגרייטען אַ פלעג, פון מיין ווייסע טיכעל:
די רויטע קענען נאָך אָנקומען ! . . .
דיין ביז צום טויט, איבערגעבליבענער מיכעל

די צוואה פון אַ שכור

אין האַלז איז מיר זעהר טרוקען,
נאָך אַ שנעפּסעל קען מיין דורשט שטילען !
מיינע אויגען מיט טויט־שרעק זיי קוקען,
איך בעט ! מיין צוואה פּונקטליך ערפילען.

אין דעם סאַלון זאָלט איהר מיך בעגראָבען !
וואו דאָס מעהרסטע פון מיין לעבען, האָב איך פערבראַכט.
און דאָרטען וויל איך מיין קבר האָבען !
אונטער׳ן בערל ! ווענען וועלכע איך טראַכט . .

מיין קאָפּ זאָל אַנטקעגען דעם קראַנט זיין.
די פיס פּאַליינגס אויסגעצויגען
אין האַנט גיט מיר אַ באָטעל וויין
מיט וויסקע פּאַרגיסט מיר די אויגען.

דער חזן ! זאָל אל־מלא־רחמים ניט זינגען
קדש ! איז מיר געווים ניט באַשערט
איך בעט ! מיט שנאַפּס גלעזער קלינגען . . .
ווען מ׳וועט צודעקען מיין קערפּער מיט ערד !

אַ הספד ! זאָלט איהר נאָך מיר ניט מאַכען
ווייל גאָטעס וואָרט האָב איך פאַרלעצט.
איך וויל בעסער דער עולם זאָל לאַכען
ווייל מיין טלית איז אין סאַלון פאַרזעצט.

אויף מיין מצבה ! זאָלט איהר גאַרניט שרייבען
ניט מיין נאָמען ! און ניט וואָס איז געשעהן
נאָר אַ פּאָר ווערטער ! צוזאַמען קלייבען
מ'זאָל וויסען אַז דער טויטער איז א שכור געווען.

פון א. מ. קובלאנאָוו

אין שלום אמר אלה'

די נייעס האָט זיך שנעל צוטראָגען
געבראָדקעסט פאַר גאָר דער וועלט
דער „~~אשומדי~~ דייטשלאַנד” איז געשלאָגען:
און אַ וועלט שלום ! ווערט איינגעשטעלט.

און געדאַנקען אין מיין מוח עס וועפט
ווי דער נביא האָט עס אַמאָל געוואָלט ! . . .
טראַכטענדיג, מיינע אויגען זיך פאַרקלעפּט
מיין פאַנטאַזיע האָט בילדער געמאָלט !

ווי אַ בליץ ! בעלייכט די וועלט מיט אמאָל.
פון דער „סטעטיו אָוו ליבערטי געגעבען א שטראהל:
און פון דער הויך האָט געדונערט אַ קול !
„שלום דער וועלט ! פרייהייט ! און אידעיאל”

און באַגעגענט האָבען זיך מענשען, אַלע ראַסען !
זיך געקושט, געהאַלזט, געגעבען זיך די הענט !
פאַרשוואונדען די שנאה: דאָס אייביגע האַסען,
כעפרא דארעא ! אין חמץ פאַרברענט.

די טירען פון גרעניצען זיך געעפענט
קיינער בעוואַכט עס ניט מעהר
מ'זעהט ניט סאָלדאַטען בעוואָפענט
פריי און פרידלעך, איז דער פאַרקעהר.

און די לענדער האַרמאָנירען אין פרידען
די מענשען ! ווי גליקליך זיי לעבען:
אפילו אונז אומגליקליכע אידען
ארץ ישראל, אַלס אונזער לאַנד געגעבען !

געקלעטערט האָב איך אויף די בערג פון ציון
זיך געפריידט מיט יעדען ווינקעל דאָרט:
אַ ווי שעהן ! די פעלדער זיי בליהען
וואו מיינע ברידער בעארבייטען דעם אָרט !

און אַ חלוץ אַקערענדיג די לאַנד
פון האַרצען זיך געפריידט און געלאַכט:
ווייזענדיג מיט זיין מעכטיגע האַנד
„אַט דער טראַקטאָר איז פון קענען געמאַכט" !

מיט לייבען און בערען, וועלען מיר שניידען, דרעשען,
זאָגט דער חלוץ: „איך האָף !
„שטרוי און האָבער וועלען זיי עסען"
„וועלף וועלען בעוואַכען אונזערע שאָף" !

און אַלעם פרעהט זיך, און זינגט:
ווי מ׳גיט זיך נאָר אַ קער
אין די נייע מעלאָדיען עס קלינגט
ווי שופר־של־משיח איך הער ! . . .

און אַ דאַנק דעם בורא געגעבען
געהויבען הויך מיין האַנט
באַשערט מיר זעהן דערלעבען
מיין פאָלק אין זיין אייגענעם לאַנד !

פּלוצלינג האָט איינער אין טיר געקלאַפּט !
געשטערט מיינע געדאַנקען צווישען
אָי ! עס איז אַ חלום ! האָב איך זיך געכאַפּט
און מיין האַרץ איז אויף שטיקער צוריסען . . .

בכל עת יהיו בגדיך לבנים
ושמן על ראשך אל יחסר
„קהלת ט־ח"

„קהלת וויל: דער מענש זאָל זיין ערצויגען
יעדער באַוועגונג, מוז זיין געמאָסטען, געוואויגען,
ניט בויגען זיך צופיעל, אַרויף און אראָפּ
„ווייס געקליידעט, און אַ גלאָז אויל אויפ׳ן קאָפּ
ניט זיין צו פריי. און ניט צו פרום
האַלט גלייך דיין קאָפּ, ניט קרום
זאָל די וועלט לויפען איהר גאלאָפּ
געדיינק ! דו האָסט אַ גלאָז אויל אויפ׳ן קאָפּ.

ווען די צייט דיר געגליקט ביזט געוואָרען רייך
הויב ניט צו הויך דיין קאָפּ, געה גלייך
זעה דיין נאָמען זאָל זיין קליר און ריין
האַלט זיך ניט גרויס, אויך ניט קליין
ווען דו העלפסט דיין פריינד, דיין ברודער
קלינג ניט די גלאָק. מאַך קיין גערודער
ווייל דער ווייזער געהט ארויף און אראָפּ
געדיינק ! דו האָסט אַ גלאָז אויל אויפ׳ן קאָפּ.

ווען דו ביזט אָרים, עס געהט ניט גוט
בייג ניט דיין קאָפּ, פאַרליר ניט דיין מוט
אַרבעט פלייסיג, דיין וועג גלייך געה
די ראָד קען זיך באַלד געבען אַ דריי
דו ביזט איצטער, רייכער ווי רייך
ווען דיין קערפּער איז געזונד און גלייך
בויג זיך ניט, פאַר קיינעם אראָפּ
ווייל דו האָסט אַ גלאָז אויל אויפ׳ן קאָפּ.

ווען דו פילאָזאָפירסט אַנטקעגען גאָט !
וועג דיינע ווערטער: און ניט מיט שפּאָט.
ווייל די גרעסטע חכמים, מיט געשליפענע מוחות
געפינען טעגליך, גאָטעס פערבאָרגענע כחות:
זיין ריכטיגען סוד, האָט מען נאָך ניט דערגאַנגען.
מיט אַלע געפּרוואוטע עקספּערימענטען, און פערלאַנגען,
דארום הויב זיך ניט הויך, און פאַל ניט אראָפּ
ניט פאַרגעס, אַז אַ גלאָז אויל איז אויפ׳ן קאָפּ

נאד הדמעות

שומע קול בכיות
שתשים דמעתינו בנאדך להיות

דער „נאד הדמעות״ בא זיין קעניגליכען שטול
וואו עס פליסען אריין אידישע טרעהרען, און ווערט ניט פול
עס שטראָמען טייכען טרעהרען פון דורות.
פון דער צייט אשור, און בבל, און רוים
אונז געפייניגט, און פאַרטריבען פון אונזער היים
מיט פייער און שווערד און מיט מורה׳ם
זיי האָבען געהאָפט למחות את שמנו
ועוד ידם נטויה, נטויה עלינו.
אין גלות אונז פעריאָגט און פאַרטריבען
און די פאָר גבורים וואָס זיינען געבליבען
מיט חיות זיך געמוזט ברענען פאַר אַלעמענס אויגען
מיט שמחה האָבען זיי געטאַנצט, געשפרונגען,
געיובעלט, געפייפט, פון נחת זיך צוזינגען
ווען דער לייב האָט זיי צוריסען און די בלוט געזויגען
אונזערע חכמים פאַרפייניגט ! ונפבא פארנו
ועוד ידם נטויה, נטויה עלינו.

„די קרייציקע” פון די ווילדע פאנאַטישע ערלים
האָבן ניט נאָר אויף זייער לייב אויסגעברענט אַ צלם
נאָר אויך זייערע פערדלעך מיט צלמים בעפּוצט
געלאָפן: באַשיצן „יעזוס קבר” פון מאַשולמענישע הענד
אונטער וועגס טויזענדע אידען געטויט און פאַרלענד
פאַרמעגענס געראבירט, אונזערע פרויען פערשמוצט
~~האבו מכאבינו וצרת לבבינו~~ רבו מכאובינו וצרות לבבינו
ועוד ידם נטויה, נטויה עלינו.

דערזעהענדיג אַז מיר לעבען נאָך אויף דער וועלט
האָבען זיי אַ איטאַ-דע-פיי אויפגעשטעלט
אין פייער אונז געוואָרפען מיטן אינקוויזיציאָנס כח
אונזער יאָמער מיט קירכען-גלעקער פערקלונגען
מיט פאַנאַטישע הייליגע לידער פערזונגען
זיי אַליין באַלד דערשטיקט געוואָרען פון ריח
גערעטעט האָבען זיך עטליכע פליטתני
ועוד ידם נטויה, נטויה עלינו.

און צום לעצט דייטשלאַנד,-דער אשמדאי דער שטן
מיט זיין גיהנום פלאַם אונז געברענט, געבראָטען.

מערדעריש אפגעווישט אונזערע קהלות
אומפארשעמט! מיט שפאט און געלעכטער
געשענדעט און געטויט, אונזערע פרויען און טעכטער'
ניט געהערט זייער געבעט און תפילות.
~~בעינינו~~ עשקו עמלנו ~~וחיינו~~
ועוד ידם נטויה, נטויה עלינו.

יעצט ווי אמאל עמלק מיט זיין שווערדעל אין האנד
שטייט „ענגלאנד" לאזט אונז ניט אין אונזער לאנד
מיט פאליטישע מיטלען פון א מאדערן ~~רוצחים~~
פארשלאסען, פארריגעלט פאר אונז די טיר
אונזערע אומגליקליכע קענען זיך ניט געבען א ריר
זי שטעלט זיך געגען אונז מיט איר טייוועלשען כח.
נתנו עלם עלינו בארצנו
ועוד ידם נטויה, נטויה עלינו.

גרויסער גאט! זאמעל אונזערע טרעהרען:
אפשר וועט דער „נאד הדמעות" פול ווערען
טרעהרען פון פארוואגעלטע ווייב און קינד
טרעהרען פארטריקענטע, און אין דער ערד פארזונקענע

טרעהרען פון פארברענטע, טרעהרען פון דערטרונקענע
טרעהרען פון פיצלעך קינדער ריין פון זינד
חמול עלינו ועל עוללינו וטפנו
עד מתי תהיה ידם נטויה, נטויה עלינו.

און עס שטראָמען טייכען טרעהרען, פאר זיין קעניג שטול
און פאלען אין נאד הדמעות, און ער ווערט ניט פול.

די שיינע מוטער רחל

ויעבד ישראל באשה

ובאשה שמר

רבקה האָט מורא פאַר עשו'ס צאָרן
מוז יעקב אַנטלויפען קיין חרן.
ענטוישט פון די ברכות, און משפט הבכרה
עס איז נאַכט, די זוהן האַלט בא פאַרגיין
קאָם געפונען פאַר צעקאָפּענם א שטיין.
אין ווילדעניש שלאָפען, ער האָט מורא.

אַ לייטער, וואָס איהר שפּיץ גרייכט צום הימעל
האָט ער געזעהן אין חלום, אין דרימעל
וואו מלאכים גייען אַרויף און אראָפּ
און זיין פאַנטאַזיע האָט געמאָלט
ווי ער זעהט גאָטעס געשטאלט.
הייליג איז דער אָרט! כאַפּט זיך פאַר'ן קאָפּ . . .

און אַ קול האָט גערעדט צו איהם אַזוי:
„איך היט דיך! דיין וועג גיי, גיי
„דאָס לאַנד וועט צו דיינע קינדער בעלאַנגען
„ווי שטויב פון דער ערד, וועלען זיי זיך מעהרען
„אַ ברכה פאַר אַלעמען, וועלען זיי ווערען
און ער איז זיין וועג ווייטער געגאַנגען.

און באַ פּאַסטוכער אָן ברונים, אין וועג
„אויב זיי קענען לבנ'ן? געגעבען אַ פרעג
דאָ קומט די שיינע רחל מיט לבנ'ס שאָף.
איהר מאַיעסטעטיש געשטאַלט, ווי די זון גלאַנצט
ער קושט איהר, זיין האַרץ פון שמחה טאַנצט.
דאָס איז מיין באַשערטע, איך האָף:

„זי איז פאַר דעם טאַטענס ברכות, מעהר ווערט
„מיט אַזוי אַ שעהנהייט לעבען, מיר בעשערט
„מיט אַזאַ מלאך, בריינגען קינדער אויף דער וועלט
„זיי וועלען גלאַנצען, ווי אין הימעל די שטערן
„דאָס איז דער חלום: איך קען שווערען
„איך וועל פאַר איהר אַרבייטען אָהן געלט.

מיט האָפענונג און ליעבע, געארבייט זיבען יאָהרען
טעגליך געברענט פון זון, די נעכט געפראָרען
נאָך רחל'ס ליעבע געהאָפט, געוואַרט.
דערשראָקען האָט זיך יעקב, אין דער פריה בעגינען
ווען ער האָט לעבען זיך לאה'ן געפונען
לבן האָט איהם ביטער גענאַרט.

גאַנץ פרי! אַנגעשפּאַרט אָן לבנ'ס פּלאַנקען
שטייט יעקב פאַרצייפּעלט: אין טרויער געדאַנקען
אויב עס האָט זיך געלוינט אין גאַנצען ?
איינס פון צוויי, מוז איך אויסקלייבען
צוריק אַ היים: אָדער דאָ בלייבען
מיט לאה'ן לעבען, און דירת פלאַנצען . . .

און וואָס פאַר אַ תכלית ערציהען קינדער
צווישען לבנ'ס שאָף: צווישען רינדער . . .
ווען זיי וועלען זיך אפילו מעהרען ווי שטויב
עס קען מיט דער צייט טרעפען געוויס
זיי זאָלען צוטראָטען ווערען מיט די פיס
~~מיט לאה'ן לעבען, און דירת פלאַנצען~~ פון לבנ־ס קינדער, איך גלויב

ווען אפילו מיין זיידענס ברכה זאָל מקיים ווערען
מיינע קינדער וועלען זיין ווי הימעלשע שטערן:
אויף וועמענס הימעל וועלען זיי שטראַהלען ?
אויב זייער ליכט, וועט אונז שיינען בעגליקען
אָדער אונזערע שונאים, וועלען זיך מיטן זיי קוויקען
און אַלס דאַנק אונז נאָך בעפאַלען.

„און די שונאים וועלען זיך געווים פרוכטבארען, מעהרען
„און מיינע קינדער צו שוואך! זיי קריג ערקלעהרען
וועלען אפשר פארגעסען פון וואנען זיי שטאמען
„און זיך אינגאנצען אונטערגעבען . . .
„איז דאס מיין אידייע? מיין ציעל אין לעבען:
„ניין! איך גיי אהיים, צו דער מאמען!

פלוצלונג דערפיהלט יעקב, ווארימע הענט
„דאס איז רחל! ער האט זי דערקענט
א ווי שיין איז זי, וואונדער פרעכטיג
„ווי א בילד פון גרעסטען קינסטלער געמאלט
„ווי א מלאך איהר פנים, איהר געשטאלט
א ווי עס קלאפט מיין הארץ אזוי מעכטיג.

„זי וועט זיין מיינע, אין א גליקליכע שעה:
„פאר איהר וועל איך דינען, בלייבען דא.
„פון זון ברענען, און פריהרען די נעכט
„נאך א וואך, ווען איך דא בלייב
„וועט מיין טייערע רחל, זיין מ,יין ווייב
און איך בלייב ווייטער לבנ'ס קנעכט.

יגעתי באַנחתי

דער אַלמן

טראָפּען רעגען ווי טרעהרען
אַ ווינט, ער בלאָזט מיט געוויין
שוואַרצע וואָלקען פאַרדעקען די שטערן
עס איז אַ פּחד אַרוים צו גיין!

און אַ אומעט ווי נאָך אַ לויה!
דריקט און שטיקט די האַרץ
ניט דאָ אַ פּערזאָן אַ געטרייע
צו פיהלען, פאַרשטיין דעם שמערץ.

די מינוטען פון לעבען לייגזאַמע:
זיי בעשאַפען אַ לאַנגע נאַכט
שלאָפלאָזע שטונדען, גרויזאַמע
ניט ווײסענדיג וואָס איך טראַכט.

נערוועז צוזייט, צו טראָגען
ניט היימיש איך זיך פיהל
אַ תפילה ווילט זיך זאָגען:
אויסוויינען, אין דער שטיל.

ליפּען באַוועגען זיך מיט ציטער:
די אויגען זיי ווערען פייכט . . .
האַרמאָנירען מיט דעם וועטער
דער אָטהעם שווער ער פרייכט.

צו הילף קומען די טרעהרען:
ווי געפילט מיט זיי די קאָפּ
שטראָמען דורך געהיימע רעהרען
און שווייגען די צרות אָפּ."

די טרעהרען אַ מתנה פון בורא
טיעף באַגראָבען אין נשמה ווייט . . .
עס דריקט פון צרות אַ מורא:
העלפען זיי גלייך, אין דער צייט.

מיין לעצטע ליעד

איך מוז גיכער ווערטער קלייבען
מיין לעצצטע ליעד-פּאָעם שרייבען
ווייל קורץ קען זיין די צייט
איך הער דעם דריק פון האַרץ
עס איז באַלד צייט צו פאָהרען
און די רייזע איז וויים, ווייט:
איך פיהל שלעפּערדיג און מיעד
דאָס איז מיין לעצטע ליעד.

וואָס איז דאָ געוואָרען ?
עפּעס שוואַך איז מיין זכרון:
איך קען קיין זאך צואַמענשטעלען !
איך זוך אַ ריכטיגען וואָרט
פּאַסיג פאַר צייט און אָרט
עס זאָל מיר כאָטש געפעלען.
איך פיהל אַ ווייטאָג אין יעדען גליעד
דאָס איז געווים מיין לעצטע ליעד.

מיין שרייבען האָט פאַרלאָרען איהר חן

עס קומט ניט אַרויס דאָס וואָס איך מיין

ווי דער פונק וואָלט געוואָרען פאַרלאָשען

ניט דאָ מעהר, דער הומאָר, דער שמייכעל

ווי פערדאַפּט, טונקעל דער שׂכל

ניט קיין שפּראַך: ניט קיין לשון:

איך פיהל זיך דערשלאָגען ווי דער איד

דאָס איז מיין לעצטע ליעד.

איך וואונדער אַליין אויף זיך

ניט איך גייע, איך קריך

די פיס ווי מיט קייטען געשמיט

איך שעהם זיך, פאַר זיך אַליין

מייז פּנים פאַרלירט דעם חן

פאַרשוואונדען אויך דער אַפּעטיט.

און שוואַך איז מיר יעדער גליעד

דאָס איז מיין לעצטע ליעד.

די אויגען האַלב פערלאָשען

ניט ריין, ניט קלאָהר דער לשון

און מויל איך פיהל ביטער

געל איז מיין פּנים
געווים: פון עלטער סמנים . . .
מיינע האָר געוואָרען שיטער !
איך פיהל קראַנק און מיעד
דאָס איז מיין לעצטע ליעד.

צו פריה געקומען די אַלטע יאָהרען
די בלוט אין די אָדערען געפראָרען
איך קען זיך ניט געבען אַ קער
די יונגע פון מיר לאַכען
מיט אויגען און הענט גרימאסען מאַכען !
„דעם אַלטען דאַרף מען ניט חושד זיין מעהר !
איך זאָג ווי איך בין אַ איד
אַז דאָס איז, מיין לעצטע ליעד.

איך מוז זיך מיט מיין פען שיידען,
אַ רחמנות געבאָך, אויף אונזביידען
פיעל פאַרגעניגעןביידע געהאַט.
כאָטש אַ אָסף, אַ הימן בין איך קיינמאָל געווען
ביסטו דאָך מיין אייזצנגע געטרייע ליבע פען.

שאַדע ! דאָס איך פיהל שוואַך און מאַט
און ווי טהוט מיר יעדער גליעד
דאָס איז מיין לעצטע ליעד.
פאַר מיינע קינדער נאָך מיין טויט, וועט בלייבען
דער אָנדיינקען, פון מיין שוואַכען שרייבען
ווען זיי וועלען זיך דערמאָנען אָן מיר ?
און אויף מיין קבר וועט פאַלען, פון זיי אַ טרער
ער וועט זינקען, ווייל ער וועט זיין שווער . . .
וועט מיין נשמה אויבען, אפשר זיך געבען אַ ריר ?
די קינדער ווייסען, אַז איך בין שוואך און מיעד
ווילען ניט, אַז דאָס זאָל זיין מיין לעצטע ליעד.

BOARD OF JEWISH EDUCATION